**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/25/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונג צו איבערפרישן אינפראסטרוקטור אין די בראנקס

***סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט באקומט 150 מיליאן דאלארדיגע פעדעראלע גרענט צו העלפן טראנספארמירן קראָס בראנקס עקספרעסוועי מיט שאסיי צו פארבינדן די קאמיוניטי מיט מערערע מיטלען קומענדיג מיט לעינס געווידמעט פאר באסעס און וועגן פאר ביציקליסטן און פיסגייער***

***פראיעקט בויט ארויף אויף פאריגע הצלחות דורך ניו יארק סטעיט ביים טראנספארמירן אינפראסטרוקטור אריבער די סאוט בראנקס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די לעצטע דערגרייכונג אין ניו יארק סטעיט'ס פרעצעדענטלאזע פארפליכטונג צו אויפפרישן אינפראסטרוקטור אריבער די סאוט בראנקס. די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט (New York State Department of Transportation, NYSDOT) איז געשאנקען געווארן א 150 מיליאן דאלארדיגע פעדעראלע גרענט צו העלפן טראנספארמירן אן ערשטיגע טייל פון די קראָס בראנקס עקספרעסוועי מיטן צולייגן א שאסיי צו פארבינדן די קאמיוניטי מיט מערערע מיטלען, קומענדיג מיט לעינס געווידמעט פאר באסעס און וועגן פאר ביציקליסטן און פיסגייער, וואס וועט דינען אלס א לאקאלע פארבינדונג צווישן Boston Road אויף מערב און Rosedale Avenue צו מזרח. די גרענט – ערמעגליכט דורך דעם נאציאנאלע אינפראסטרוקטור הילף פראגראם (MEGA)/אינפראסטרוקטור צו צוריקבויען אמעריקע (Infrastructure for Rebuilding America, INFRA) פראגראם אונטער דעם אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור געזעץ (Bipartisan Infrastructure Law) – וועט העלפן פאראויס רוקן די היסטארישע פארשריט וואס ווערט געמאכט צו צוריק פארבינדן בראנקס קאמיוניטיס דורכן פאררעכטן די פלאנירונג גרייזן פון די פארגאנגענהייט, באשיצן געזונטהייט און פארשטערקערן זיכערהייט.

"גרויסע זאכן געשעהען אין די סאוט בראנקס, און מיר האבן אין פלאן צו היטן אויף די שוואונג — א זאך וואס די נייע גרענט און דער אומפארטייאישער אינפראסטרוקטור געזעץ וועלן אונז העלפן טוהן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די קראָס בראנקס עקספרעסוועי איז א שאסיי מיט גרעניצלאזע פאטענציאל פאר פארוואנדלונג, און די צוטיילונג פון די פעדעראלע געלטער וועט גיסן א שטייפע יסוד צו שאפן די אינפראסטרוקטור וואס איז נויטיג צו פארזעצן צו צוריק פארבינדן די קאמיוניטי, פונקט ווי מיר טוהען אין האָנטס פוינט. כאטש דאס איז בלויז די ערשטע טריט פון א לאנגער פראצעדור, דאך איז דאס א וויכטיגע טריט וואס וועט פאראויס שטופן אונזער ציהל צו צוריק פארבינדן קאמיוניטיס דורכן איבערפרישן קריטישע אינפראסטרוקטור צו בענעפיטירן די מענטשן וואס וואוינען דארט, בשעת'ן העלפן פארגרינגערן די נעגאטיווע ווירקונגען פון קאר/טראקס טראפיק און פארפעסטיגונג. איך באדאנק דיביידן-העריס אדמיניסטראציע און יעדן איינעם פון די ניו יארקע קאנגרעסלייט וועלכע האבן געשטימט אין

שטיצע פונעם אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור געזעץ און געמאכט די גרענט פאר די סאוט בראנקס פאר א מעגליכקייט."

ארויפבויענדיג אויף די סטעיט'ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען צו באפעסטיגן אינפראסטרוקטור אין די סאוט בראנקס און צו פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר אירע איינוואוינער – אינוועסטירונגען וואס רעכענען אריין דער אנגייענדער 1.7 ביליאן דאלארדיגער 'האָנטס פוינט צוטריט פארבעסערונג פראיעקט' און די לעצטנס-פארענדיגטע Sheridan Boulevard – איז די קראָס בראנקס עקספרעסוועי קאמיוניטי פארבינדונג שאסיי פאר מערערע טראנספארטאציע מיטלען א קריטישע עלעמענט פון די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפּארטמענט'ס פארערכטונג אדער ערזעצונג פון פינף קראָס בראנקס עקספרעסוועי בריקן צווישן Boston Road און Rosedale Avenue, א פראיעקט וואס וועט זיך אנהויבן אין 2026. דער פראיעקט וועט פארערכטן אדער ערזעצן פינף אפגעשוואכטע בריקן און דערנעבנדע שאסייען, און עס וועט דעזיינען און אויפבויען א נייע ראמפע וואס פארבינדט די דרום-ריכטונג בראנקס ריווער פּארקוועי צו די מערב-ריכטונג קראָס בראנקס עקספּרעסוועי.

די קאמיוניטי פארבינדונג שאסיי פאר מערערע טראנספארטאציע מיטלען וועט דינען אלס נאך א טריט אין ריכטונג פון אדרעסירן זארגן וואס זענען געהערט געווארן פון קאמיוניטי מיטגלידער פאר יארן איבער די נויט צו צושטעלן מער מזרח/מערב פארבינדונג פאר פיסגייער, ביציקליסטן און טראפיק און צו פארבעסערן צוגענגליכקייט צו פובליק טראנספארטאציע. די נייע פארבינדונג שאסיי וועט האבן ספעציעלע באס לעינס און וועגן פאר ביציקליסטן און פיסגייער וואס וועלן פארבעסערן די טראנספארטאציע פארבינדונגען פאר איינוואוינער פון די געגנטער אויף ביידע זייטן פון די בראנקס ריווער. אין צוגאב וועט עס אויך צושטעלן א דירעקטע פארבינדונג צו סטאַרלייט פארק, א פילפאכיגע פארוויילונג איינריכטונג און צו די בראנקס ריווער גרינוועי.

די קאמיוניטי פארבינדונג שאסיי פאר מערערע טראנספארטאציע מיטלען וועט נישט נאר ערפילן די וויכטיגע צוועקן נאכן פארענדיגט ווערן, נאר עס וועט אויך דינען א קריטישע ראלע אלס א צייטווייליגע אומוועג, אוועקנעמנדיג די נויט פאר א לאנג-טערמיניגע פארשליסונג פון איין לעין אין יעדע ריכטונג פון די קראָס בראנקס עקספרעסוועי און ערלויבן קאנסטרוקציע אויף די בריקן צו פארענדיגט ווערן אין פיר יאר אנשטאט זעקס. דער פראיעקט רופט פאר א נייע אומוועג שאסיי צו געבויט ווערן ערשט, און דאס וועט אוועקנעמען די נויט צו ארייננשיקן די טראפיק אריין אין די לאקאלע געסער און ערלויבן די ארבעט צו זיך רוקן שנעלער און מער ווירקזאם. איינמאל די בריק ארבעט וועט זיין פארטיג וועט די אומוועג שאסיי פונדאסניי איוסגעשטעלט ווערן צו ווערן א קאמיוניטי פארבינדונג פאר מערערע טראנספארטאציע מיטלען, צושטעלנדיג נייע ביציקל, פיסגייער און באס לעין צוטריט. עס וועט אויך צוריק פארבינדן קאמיוניטיס וואס זענען אפגעזונדערט געווען פאר יארן ווייל עס איז נישט געווען קיין פארבינדונג פאר פיסגייער העכער די באן רעלסן און באס גאראזש וואס ליגן אונטער די בריקן פון דעם פראיעקט.

אין צוגאב צו די נייע פארבינדונג שאסיי, איז די ארבעט וואס ווערט געטוהן אויף די פינף בריקן זיי צו האלטן אין א גוטע צושטאנד יסודות'דיג צו קענען עררייכן די אלגעמיינע ציהלן פון א שטודיע וואס ווערט יעצט דורכגעפירט דורך די סטעיט און סיטי זיך צו פונדאסניי אויסמשל'ן די קראָס בראנקס עקספּרעסוועי ראיאן.

אין 2022 האט די פאראייניגטע שטאטן טראנספארטאציע דעפּארטמענט ( U.S. Department of Transportation, USDOT) צוגעשטעלט א 2 מיליאן דאלארדיגע גרענט אלס טייל פון דעם 'צוריק אויפבויען אמעריקאנע אינפראסטרוקטור מיט שטאנדהאפטיגקייט און גערעכטיגקייט' ( Rebuilding American Infrastructure with Sustainability and Equity, RAISE) פראגראם פאר די סטעיט און די סיטי צו ארייננגיין אין א שותפות אויף א קאמיוניטי-געטריבענע שטודיע וואס וועט פונדאסניי אויסשטעלן

די צוקונפטיגע טראנספארטאציע און קאמיוניטי נעטווארק אין די בראנקס — און די רעזולטאטן פון די שטודיע זענען ערווארטעט צו פארענדיגט ווערן ביים סוף פון 2024.

דער פראיעקט איז יעצט אין די ערשטיגע אינדזשענירונג פאזע. די NYSDOT וועט זיך טרעפן מיט ענווייראמענטאלע פירער, בראנקס קאמיוניטי באורדס און די פובליקום אין פרילינג און זומער פון 2024.

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער, מערי טעריזע דאמינגעז, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול טוט מער צו צוריק פארבינדן קאמיוניטיס אריבער ניו יארק פון סיי וועלכער פירער אין דאס לאנד, און די גרענט וועט העלפן ארויפבויען אויף די טראנספארמאטיווע אינוועסטירונגען וואס איר אדמיניסטראציע מאכט אין די בראנקס. דער קראָס בראנקס עקספרעסוועי פארבינדונג פראיעקט איז א גרויסע טריט אויף פאראויס ביים צוריק פארבינדן קאמיוניטיס אויףביידע זייטן פון די בראנקס ריווער. צוזאמען מיט ספעציעלע באס לעינס און פלאץ צו פארן מיט א ביציקל און גיין צופיס, וועט די פארבינדונג שאסיי בייזשטייערן צו די יעצטיגע איינוואוינער-פריינטליכקייט און צו די צוקונפטיגע איבערארבעט פון די קראָס בראנקס עקספרעסוועי. איך באדאנק גאווערנער האקול פאר איר שטיצע פאר דעם פראיעקט און אזוי אויך דיביידן אדמיניסטראציע פארן צושטעלן די ספעציעלע פעדעראלע גרענטס פאר פראיעקטן פון די סארט — פראיעקטן וואס גיסן די יסוד פאר באמת דורכברעכנדע אינוועסטירונגען וואס פירן צו בליהענדע קאמיוניטיס."

די 150 מיליאן דאלארדיגע גרענט פאר די קאמיוניטי פארבינדונג פאר מערערע טראנספארטאציע מיטלען איז די לעצטע ביישפיל פון דיביידן-העריס אדמיניסטראציע ווייזנדיג זייער שטיצע פאר די טראנספארמאציע פון די קראָס בראנקס עקספרעסוועי; עס איז וועזנטליך פאר די אלגעמיינע דויערהאפטיגקייט פון די סטרוקטור; און עס איז נויטיג פאר סיי וועלכע צוקונפטיגע פארבעסערונגען צו פארלייכטערן די ווירקונגען פון די קראָס בראנקס עקספרעסוועי אויף די פובליק געזונטהייט און צו צוריק פארבינדן קאמיוניטיס וואס זענען צוטיילט דורך די עקספרעסוועי הייגט.

די טראנספארמאציע פון דעם קראָס בראנקס עקספרעסוועי ראיאן איז טייל פון ניו יארק סטעיט'ס אנגייענדע פארפליכטונג צו אדרעסירן לאנגיאריגע אינפראסטרוקטור פראבלעמען אין די בראנקס און צו פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר אלע איינוואוינער. אין 2018 האט די סטעיט אנגעהויבן קאנסטרוקציע אויף דעם 'ארטור שערידען פארבעסערונג פראיעקט'. דער פראיעקט האט אראפגענומען די דעזיגנאציע פון די שערידען עקספרעסוועי אלס אן אינטערסטעיט, ערלויבנדיג די שאסיי צו פארוואנדלט ווערן צו א נייע שטאטישע גאס וואס גיבט פאר איינוואוינער און באזיכער א דירעקטע פארבינדונג צו די בראנקס ריווער ברעג און צו סטאַרלייט פארק.

די באמיאונגען זענען פאר מיט דעם האָנטס פוינט אינטערסטעיט צוטריט פארבעסערונג פראיעקט, וואס וועט צושטעלן דירעקטע צוטריט צו די האָנטס פוינט מארקעט סיי פון די ברוּקנער עקספרעסוועי און סיי פון די ניי-געבויטע Sheridan Boulevard, אראפנעמענדיג טראפיק פון לאקאלע גאסער און רעדוצירנדיג גערויש און לופט פארפעסטיגונג. דער פראיעקט רעכנט אריין די קאנסטרוקציע פון א נייע וועג מיטגעטיילט צווישן פיסגייער און אנדערע, געבויט צווישן Concrete Plant Park און די Garrison Playground און א נייע פיסגייער בריק אויף Bryant Avenue. אין אוגוסט פון 2023, האט גאווערנער האקול [אנאנסירט](#) די צווייטע פאזע פון דעם פראיעקט. די לעצטע פאזע פון דעם פראיעקט איז פלאנירט צו פארענדיגט ווערן אין הערבסט פון 2025.

אין מאי פון 2023, האט גאווערנער האקול אויך [אנאנסירט](#) די אנהויב פון א 44.7 מיליאן דאלארדיגער פראיעקט צו איבערבויען די בריק וואס פירט אריבער די ברוּקנער עקספרעסוועי העכער Rosedale Avenue אין די בראנקס. דער פראיעקט וועט אויפרעכטן און מאדערניזירן די בריק צו פארשטערקערן

זיכערהייט און פארלייכטערן צו פארן לענגאויס די וויכטיגע רוט פאר טעגליכע רייזער און פאר סחורות אין דעם ניו יארק סיטי ראיאן.

**סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס שומער האט געזאגט,** "ווען מען קוקט אויף די קראָס בראנקס עקספרעסוועי, זעהט מען די מאסיווע לעינס, די קארן, די פארפעסטיגונג און די צוטיילונג. דאס איז די סיבה פארוואס – אונטער די ביידן-העריס אדמיניסטראציע – האבן מיר סוף כל סוף געהאט די טשאנס צו פארריכטן טייל פון די אינפראסטרוקטורישע אומרעכטן פון די פארגאנגענהייט, סיי רעדנדיג פון פארפעסטיגונג און סיי פון די טראפיק פלוס אין די בראנקס. גוט — מיר האבן נישט נאר גענומען די טשאנס, נאר מיר האבן זאגאר ארויסגענומען דאס מערסטע דערפון פאר אן ערך פון $150,000,000. די MEGA גרענט געווינס וועט העלפן אוועקשטעלן ספעציעלע באס לעינס, און אזוי אויך וועגן פאר ביציקליסטן און פיסגייער. די זענען היינטיגע אינפראסטרוקטורישע אייגנשאפטן וואס די בראנקס טוט זיך נישט נאר נויטיגן אין — נאר וואס עס קומט זיך זיי, און איך קוק ארויס צו אנהויבן די ארבעט בקרוב."

**קאנגרעסמאן ריטשי טאָרעס האט געזאגט,** "מיט דיעזעל טראק טראפיק פארפעסטיגנדיג די לופט וואס איינוואוינער אטעמען יעדן טאג, איז די קראָס בראנקס עקספרעסוועי סיי א בוכשטאבליכע און סיי א סימבאלישע סטרוקטור פון ראסיזם. די פינאנצירונג ערלויבט פאר די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפּארטמענט צו פארריכטן די עוולות פון ראבערט מאוזעס און פון צענדליגע יארן פון פארנאכלעסיגונג וואס האבן אויסגעשטעלט בראנקס איינוואוינער צו געפארפולע שטאפלען פון פארפעסטיגונג. די סטראטעגישע אינוועסטירונג בויט ארויף אויף די סטעיט'ס פארפליכטונג צו אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען אין קאמיוניטיס וואס דארפן דאס די מערסטע, ארויסגעוויזן דורך פראיעקטן ווי דעם 1.7 ביליאן דאלארדיגן האָנטס פוינט צוטריט פארבעסערונג פראיעקט און די לעצטנס-פארענדיגטע Sheridan Boulevard. איך בין דאנקבאר פאר די טראנספארטאציע דעפארטמענט, די ניו יארקע קאנגרעסלייט, די גאווערנער און פאר אלע שותפים וועלכע האבן געארבעט פאר צענדליגע יארן צו זיכער מאכן אז די קראָס בראנקס איז א זיכערערע פלאץ פאר יעדן."

**קאנגרעספרוי אלעקסאנדריע אָוקאַסיאָו-קאָרטעז האט געזאגט,** "מיר זענען באגייסטערט ביז גאר אז די טראנספארטאציע דעפּארטמענט שענקט 150 מיליאן דאלאר צו מאכן די קראָס בראנקס עקספרעסוועי מער פיסגייער- און פובליק טראנספארטאציע-פריינטליך. עס איז נאך דא פיל צו טוהן צו אדרעסירן די היסטארישע ענווייראמענטאלע אומרעכטן פון די ראבערט מאוזעס עפאכע אינפראסטרוקטור, און דאס איז א טריט אין די גוטע ריכטונג. מיר וועלן זיך נישט אפשטעלן ביז מיר וועלן פולשטענדיג איבערדעקן די קראָס בראנקס עקספּרעסוועי."

**סטעיט סענאטאר לואיס סעפּאלווידע האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס אנאנס פון א 150 מיליאן דאלארדיגע פעדעראלע גרענט צו טראנספארמירן די קראָס בראנקס עקספּרעסוועי איז א היסטארישע טריט פאר די סאוט בראנקס. די אינוועסטירונג אין א קאמיוניטי פארבינדונג שאסיי פאר מערערע טראנספארטאציע מיטלען וועט נישט נאר פארבעסערן די פארבינדונג נאר אויך רעדוצירן אנגעלייגטקייט און עפענען נייע געלעגנהייטן פאר פארוויילונג. עס איז א פארפליכטונג צו די אויפלעבונג פון אונזער אינפראסטרוקטור, בענעפיטירנדיג פיסגייער, ביציקליסטן און די גאנצע קאמיוניטי. עס איז א שטאלצע מאמענט פאר ניו יארק סטעיט, ארויסווייזנדיג אונזער איבערגעגעבנקייט צו בויען א צוקונפט וואס גיבט פריאריטעט סיי פאר ווירקזאמקייט און סיי פאר די וואוילזיין פון אונזערע בירגער."

**סטעיט סענאטארשע נעטאליע פערנאנדעז האט געזאגט,** "די אנאנס פון 150 מיליאן דאלאר צו העלפן טראנספארמירן די קראָס בראנקס עקספּרעסוועי צייכנט אפ נאך א מאנומענטאלע מאמענט אין די היסטאריע פון די בראנקס. זינט עס איז געעפנט געווארן, האט די קראָס בראנקס עקספּרעסוועי פאראורזאכט אז אינוועסטירונגען זאלן ארויסגענומען ווערן פון פילע פון אונזערע קאמיוניטיס, העכערע אסטמא ראטעס און עס האט אפגעזונדערט בראנקס איינוואוינער פון דאס וואס פלעגן זיין גרינג-

צוגענגליכע מיטלען. איך וויל באדאנקען די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט און גאווערנער קעטי האקול פארן פארשטיין ווי נויטיג און טראנספארמאטיוו די אינוועסטירונג איז פאר אלע בראנקס איינוואוינער. מיר קוקן ארויס צו זעהן וויאזוי די אינוועסטירונגען ברענגען נייע געלעגנהייטן פאר די קאמיוניטיס וואס ווערן דירעקט באטראפן פון די קראָס בראנקס עקספרעסוועי און צו זעהן אנגייענדע אינוועסטירונג צו פאררעכטן די אומרעכטן פון די פארגאנגענהייט."

**אסעמבלי מיטגליד קעני בורגאָוס האט געזאגט,** "די 150 מיליאן דאלארדיגע פעדעראלע גרענט איז א ממשיות'דיגע אינוועסטירונג פון וואס ניו יארקער וועלן בענעפיטירן פאר צענדליגע יארן אין די צוקונפט. עס איז אן עדות איבער די סטעיט'ס איבערגעגעבנקייט צו פונדאסניי פארבינדן געגנטער און צו די וואוילזיין פון אירע קאמיוניטיס. איך קוק ארויס צו זעהן די פארענדיגונג פון דעם פראיעקט און אזוי אויך צוקונפטיגע טראנספארטאציע אינוועסטירונגען וואס וועלן בענעפיטירן די מיליאנען פון טעגליכע רייזנדע וואס פארן אריבער אונזער בארא יעדעס יאר."

**אסעמבלי מיטגלידערין קארינס רעיעס האט געזאגט,** "איך אפלאדיר גאווערנער האקול, די NYS DOT און די פעדעראלע רעגירונג פאר די וויכטיגע אינוועסטירונג אין מיין קאמיוניטי און אין בראנקס קאונטי. די קריטישע גרענט וועט מאכן די אנגעלייגטע געגנט זיכערער פאר די בירגער אין מיין דיסטריקט און פאר פיסגייער אזוי ווי מיר גייען אריבער די שאסיי און די ארומיגע געסער. אזוי ווי מיר זעצן פאר צו פינאנצירן מאסנאמען צו פארמינערן די נעגאטיווע ווירקונגען פון די קראָס בראנקס עקספרעסוועי, בלייב איך פול מיט האפנונג אז טראנספארמאטיווע אינוועסטירונגען וועלן אונז רוקן אין ריכטונג פון א טאג ווען די גרויסארטיגע הייוועי ווערט איבערגעדעקט, כדי בראנקס איינוואוינער זאלן קענען צוריק נעמען ווערטפולע שטח פאר פארוויילונג און פאר בעסערע לופט קוואליטעט."

**בראנקס בארא פרעזידענט וואנעסא ל. גיבסאן האט געזאגט,** "אן אינוועסטירונג צו אויפלעבן די קראָס בראנקס עקספרעסוועי איז אן אינוועסטירונג אין די צוקונפט פון אונזער בארא. א דאנק פאר גאווערנער קעטי האקול און פאר די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט פאר זייער פירערשאפט און איבערגעגעבנקייט צו טראנספארטאציע גערעכטיגקייט. מיר קוקן ארויס צו זעהן דעם פראיעקט ווערנדיג פארווירקליכט און צו ווייטער שטיצן אונזערע ביציקליסטן, באס פאסאנזשירן און פיסגייער אין די בארא."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן